בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיּוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

418

**לשליחת מכתבים ושאלות**
**אל הראש ישיבה שליט"א**

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


גֶעבְּן סְתַּם אַ נָאמֶען וָואס מֶען הָאט לִיבּ? .......... א

אַבִּיסְל רֵייכֶערְן, צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶוען? .......... ב

פַּארְוָואס אִיז מַיין מַאן אַזַא שְׁלִימַזָל? .......... ד

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אִין שְׁוַואכֶע מִינוּטְן? .......... ה

דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז אוֹיךְ פַאר גְּרוּשִׁים? .......... ח

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מִתְפַּלֵל בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים? .......... י


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זֹאת חֲנוּכָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת .......... א

אַ גוּטֶע קַבָּלָה אוּם זֹאת חֲנוּכָּה .......... ב

הֶעלְפְן אִין חֵדֶר מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ .......... ב

יֶעדֶע רִיד, יֶעדֶע פִּינְטְל, אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן .......... ג

דַיי נִישְׁט מְוַותֵּר קֵיין אֵיין טָאג אוֹיף מִקְוֶה .......... ד

אַ חוֹמֶשׁ פַאר צְדָקָה .......... ה

צוּזַאמְנֶעמֶען דִי פְּרוֹוּוְן פוּן אֵיין יָארְגַאנְג .......... ו

בַּאגְרִיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל .......... ז

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אוּן וֶוען מֶען עֶסְט .......... ח

דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע .......... ט

יֶעדֶער וְויל פְּרֶעגְן נָאר אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ.................................ט
נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ קוּקְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן..............................יא
הֶעלְפְן פַאר דִי סְעוּדַת יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן..............................יב
גֵיי נִישְׁט אִין קִיאַסְק.................................................................יב
דַן זַיין לְכַף זְכוּת......................................................................יג
הֶעלְפְן דֶעם מַאן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה?..................................................יג
הוֹיפֶּענֶעס חִיזוּק צוּ בְּלַייבְן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן.....................................יד
מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ הָאבְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ.......................................טו
מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.................................טז
לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן שׁוֹבָבִי"ם גַאנְץ מַסֶכֶת תַעֲנִית...............................טז
אַדְוֶועְרְטַייזְמֶענְט בְּרֶענְגְט עַיִן הָרָע..................................................יז
שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.....................................................................יח
נָאכְן לֶעפְל מוּסָר, בַּאגִיס זַיי מִיט אַ שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת...............................כ
הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיין מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים...........................................כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## גֶעבְּן סְתַּם אַ נָאמֶען וָואס מֶען הָאט לִיבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּ׳חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ בַּאקוּמֶען צוּם זֶעקְסְטְן מָאל אַ פִּקָּדוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טַייעֶר לִיכְטִיג אִינְגֶעלֶע, בָּרוּךְ הַשֵּׁם. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, מִיט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה. שְׁכּ׳חַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּאר דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת, פַאר דִי זִיסֶע לֶעבְּן, וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען גֶעבְּן פַארְן קִינְד סְתַּם אַ נָאמֶען וָואס דִי מַאמֶע הָאט לִיבּ, אָדֶער זָאל מֶען נָאר אַ נָאמֶען גֶעבְּן נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער אַ זֵיידֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגֶל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַאכְן דִי בְּרִית אִין צַייט אוּן אִים מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

גֶעבּ אַ נָאמֶען אָדֶער נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער נָאךְ אַ זֵיידֶע וָואס אִיז גֶעוֶועןן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גֶעבּ נִישְׁט אַבִּי אַ נָאמֶען, וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער נָאךְ אַ זֵיידֶע וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דָאס הֶעלְפְן פַארְן קִינְד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר), אַז אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק הֶעלְפְּט - "שֶׁיִּהְיֶה גַּם כֵּן צַדִּיק", אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, "מֵחֲמַת שֶׁנִּתְעוֹרֵר הָאוֹר שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן", דָאס וֶועקְט אוֹיף דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק אוֹיבְן אִין הִימְל.

יֶעדֶע נָאמֶען קֶען מֶען מַאכְן עֶס זָאל זִיךְ הֶערְן מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ גֶעשְׁמַאקְקֵייט, מֶען קֶען רוּפְן דֶעם קִינְד אוֹיף אַ וֶועג אַז דִי מַאמֶע זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם נָאמֶען; מִיט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ וֶועסְטוּ אִיר קֶענֶען אִיבֶּערְרֶעדְן יָא צוּ גֶעבְּן נֶעמֶען פַּאר דִי קִינְדֶער נָאךְ צַדִיקִים, אָדֶער נָאךְ זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אַבִּיסְל רֵייכֶערְן, צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶועןְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּאר דִי גוּטֶע לֶעבְּן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת וָואס אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג פוּן פְּרִישׁ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן.

אִיךְ לַייד אַסַאךְ פוּן מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיר אִין קָאפּ, עֶס מַאכְט זִיךְ טֶעג וֶוען אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דָאס רֵייכֶערְן אַ צִיגַארֶעטְל בַּארוּאִיגְט מִיר דִי נֶערְוֶוען, נִישְׁט מַמָּשׁ רֵייכֶערְן רֶעגְלְמֶעסִיג, נָאר כַאפְּן אַמָאל אַ צִיגַארֶעטְל דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן צוּ רֵייכֶערְן אַבִּיסְל פוּן צַייט צוּ

צַייט, וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְּן ווִיכְטִיג פַאר מַיינֶע נֶערְוֶוען, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק נִישְׁט צוּצוּרִירְן צוּ קֵיין צִיגַארֶעטְל בִּכְלָל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

רֵייכֶערְן בַּארוּאִיגְט נִישְׁט, רֵייכֶערְן צִיט מֶער אָן דִי נֶערְוֶוען; לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּארוּאִיגְט דִי נֶערְוֶוען, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּארוּאִיגְט דִי נֶערְוֶוען; זָאג מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען גֶעזוּנְטֶע שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען.

רֵייכֶער נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רעג, תעב). מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, לְכַתְּחִילָּה זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן "חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת", אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג "חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קפה), אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: "וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ״ת אִיז פַאר אוּנְז אַלֶע גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן".

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג. עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי תּוֹרָה (הַדְרָכָה ו): "תֹּאמַר חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם", זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אָן קֵיין טַייטְשׁ, "כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים"; אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ, "כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְצְן לֶעבְּן. אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ״ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ״י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ״י עוֹלָמוֹת, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים", אוּן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְצְן וֶועלְטְן, אוֹי וִוי זִיס אוּן אוֹי וִוי גוּט וֶועט אִים זַיין,

"יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט אִים, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד קֵל חַי", ווייל מִיטְן זָאגְן אַכְצֶן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועֶן אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען דִי אַלֶע נֶערְוֶועֶן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרַע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְג'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז מַיין מַאן אַזַא שְׁלִימַזָל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי נֶעמְט מֶען דִי כּחוֹת ווייטֶער אָנְצוּגֵיין? ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן? מַיין מַאן קְלַאפְּט זִיךְ, אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן אַ שְׁלִימַזָל אוּן עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מִיט רֶעכְט, עֶר בַּאקוּמְט נָאר נַיין'ס פוּן יֶעדֶע פַּרְנָסָה אִין וָואס עֶר גֶעט זִיךְ אַיין, דִי חוֹבוֹת וואקְסְן יֶעדְן טָאג, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן אַזוֹי טָאג אַיין טָאג אוֹיס?

אֶפְשָׁר קֶען רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

יֶעצְט אִיז אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּ מְחַזֵּק זַיין אַייעֶר מַאן, אִים זָאגְן: "עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, עֶס וֶועט פַּאסִירְן אַ נֵס, עֶס וֶועט קוּמֶען שֶׁפַע"; יֶעצְט דַארְפְט אִיר זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַלְס דֶער שְׁטַארְקֶער, נִישְׁט וֵויינֶען אוּן נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד פְּשַׁט אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ; אַז אוֹיבּ דִי וַוייבּ אִיז קְלוּג, זִי וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן אִין דִי צַייטְן וָואס עֶס אִיז עֶנְג; שְׁטַארְקְן אִיר מַאן, אִים מוּטִיגְן - וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין דִי טֶעג אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען עֲשִׁירוּת, אוּן אַז דִי פְרוֹי אִיז אוֹיךְ בְּקַטְנוּת הַדַעַת, זִי שְׁלֶעפְּט נָאךְ מֶער אַרָאפּ דִי מַצָּב, זִי וֵויינְט מִיט, זִי קְרֶעכְצְט מִיט, זִי קוּקְט מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע אוֹיג - דֶעמָאלְט וִוי קֶען זַיין עֲשִׁירוּת? דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: 'עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה', דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

זָארְגְט נִישְׁט וֶועגְן דִי חוֹבוֹת, אִיר זָאלְט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַייעֶר מַאן אוּן אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער וִוי אַזוֹי אִיר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל עֶנְק גֶעבְּן שֶׁפַע, עֶנְק זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה; וֶועט אִיר זִיכֶער זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אִין שְׁוַואכֶע מִינוּטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אִיךְ זֶע בַּיי מִיר אַז אִין דִי טֶעג וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, וֶועל אִיךְ דֶעמָאלְט גָארְנִישְׁט לֶערְנֶען, קוּים אַבִּיסְל דַאוֶונֶען, אִיךְ וֶועל נִישְׁט הֶערְן קֵיין שִׁיעוּרִים, אִיךְ וֶועל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן. ווִידֶער וֶוען אִיךְ בִּין אַ גוּטֶע שְׁטִימוּנְג, אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת, אִיז אַלֶעס פִּינְקְט פַארְקֶערְט, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, דַאוֶונֶען עֶרְלִיךְ, הֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען יָא זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִין דִי

שְׁוֶוערֶע טֶעג? זיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ הֶערְן שִׁיעוּרֵי חִיזוּק, צוּ דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִיז נָאר דִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלוּנְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען און חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט און עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִּמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ און עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָּׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת און מְנִיעוֹת וְכוּ'.

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, און אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ זָאלְסְטוּ עֶנְדִיגְן דִי פַּרְשָׁה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין אָן הֲבָנָה, וּמִי יִתֵּן אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן; הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶּכֶת שַׁבָּת און אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

נָאכְאַמָאל, שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס יֶעדֶע מָאל פַאלְסְטוּ אַרָאפּ אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין - וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס; אַזוֹי גֵייט עֶס, וִוי נֶענְטֶער מֶען וֶוערְט צוּם צַדִיק, וִוי מֶער מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְט מֶען, אוּן מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טְרֶעפּ פוּן מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן גֶעפִּיל, פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק וְכוּ'. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עב), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, עֶר וִויל עֶפֶּעס טוּן צוּ זַיין גוּט, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר מַאכְט אָפּ צוּ גֵיין צוּם צַדִיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָּה", נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְן וֶועג אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן פַארְלִירְן זַיין גֶעפִּיל צוּ גֵיין צוּם צַדִיק, "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּם צַדִיק אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע נָאכְמֶער מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אוּן עֶר פַארְלִירְט דֶעם גַאנְצְן גֶעפִּיל, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יְבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה", זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט פַארְוָואס דָאס פַּאסִירְט אוּן זָאלְסְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוערְן, דִי סִיבָּה צוּ דֶעם אִיז, וַוייל וִוי מֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אַלְץ מֶער אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", וִוי גְרֶעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע הָאט עֶר, דֶערִיבֶּער אִין אָנְהֵייבּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים צַדִיק אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, הָאט עֶר גֶעהַאט נָאר אַ קְלֵיינֶעם יֵצֶר הָרָע, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוען עֶר גֵייט צוּם צַדִיק אִיז עֶר שׁוֹין גְרֶעסֶער - קוּמְט אַ פְרִישֶׁע יֵצֶר הָרָע, בִּיז וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּם צַדִיק, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְגַּבֵּר.

אָחִי חֲזַק!

...

## דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא״ש אִיז אוֹיךְ פַאר גְרוּשִׁים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף וִויכְטִיג חִיזוּק, עֶס אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פוּן מַיין גֶט, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר אַלֵיין, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ מַאן, אַ הוֹיז, אַן אֱמֶתְ'עֶ לֶעבְּן, דָאס פֶּעלְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶלְנְד אַלֵיין, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין מוּט אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר אוֹיךְ אַסַאךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט נָאר זִיךְ בַּאנֶעבֶּעכְצְן אוּן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן. אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע גֶעפִילְן, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר אִין מַיין מַצָּב, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן כְּסֵדֶר מִיט אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת, אִיךְ הָאב זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַסַאךְ גוּטֶע קַבָּלוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן בְּרוּחָנִיּוּת, אִיךְ הָאב דוּרְכְגֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן נָאכְאַלְץ שְׁפִּיר אִיךְ ווִי דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין רֶעד אִיךְ אוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דֶערְצֵיילְט דָאס אוֹיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַזוֹי אַלֵיין, סְפֶּעצִיעֶל אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט בִּיז וֶוען עֶס זִיךְ צִיעֶן; וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן? וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל טוּן וָואס אִיךְ הָאב נָאכְנִישְׁט גֶעטוּן? אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי סְגוּלָה אוֹיסְצוּזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש, אוֹיב דִי הַבְטָחָה אִיז נָאר פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אָדֶער אִיז אוֹיךְ פַאר אַ גָרוּשׁ אָדֶער גְרוּשָׁה?

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן, אוֹיב אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן, וֶועט עֶס מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵייעֶן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶע גֶעפִילְן אוּן אַלֶע מַחְשָׁבוֹת.

זִיכֶער זָאלְט אִיר גֵיין קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים, דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אִיז אוֹיךְ פַאר זִיווּג שֵׁנִי. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ד): "וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, ווִיל אִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען זָאל מִיךְ בַּאעֶרְדִיגְן דָא אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, אִין דִי חֶלְקָה וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט, אוּן וואוּ אִיךְ פְלֶעג גֵיין יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז פוּן דֶעם טָאג וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר אַלְט, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן קֵיין אֵיין מִינוּט אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט מִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶער עֶרְד. אִיךְ הָאבּ דָאס אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן. אוּן סְפֶּעצִיעֶל פוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען דָא אִין יַבְנְאֵל, הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעטְרַאכְט וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט מִיר צוּם סוֹף, אוּן דֶערִיבֶּער פְלֶעג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט אַז מֶען זָאל מִיךְ דָארְט לֵייגְן, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אוֹיבּ אִיר וֶועט בּוֹיעֶן אַן אֹהֶל אוֹיף מַיין קֶבֶר. אִיר זָאלְט דָאס בּוֹיעֶן דַוְקָא מִיט אַ גֶעהֶערִיגֶע פַארְמַאכְטְן דַאךְ, אַז וֶוער עֶס וֶועט וֶועלְן פּוֹעֵלְ'ן עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, אַ רְפוּאָה, אָדֶער סַיי וָואס, זָאל קֶענֶען אַהִין קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל. אוּן סְפֶּעצִיעֶל מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן

מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס זֵיי דַארְפְן״.

גֵייט קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֶען בַּאקוּמְט דָארְט הֵיילִיגֶע גֶעפִילְן. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (שָׁם, אוֹת ה): ״אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר, אוּן סְפֶּעצְיֶעל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קֵיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם״.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אוּן אוֹיךְ אַלֶע וָואס וֶועלְן זֶען דֶעם בְּרִיוו אוּן וֶועלְן גֵיין קַיין יַבְנְאֵל מִתְפַּלֵל זַיין, אַז מֶען זָאל מַאכְן אַ תְּפִלָּה פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מִתְפַּלֵל בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט קַיין קִרְיַת יוֹאֵל; אוּן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין דָארְט, וִויל אִיךְ אַרוֹיפְגֵיין צוּם צִיּוּן פוּן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דַאוֶונֶען בַּיי

אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אָבֶער אִיךְ גֶעדֶענְק עֶפֶּעס וָואס מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶס אִיז וִוי עֲבוֹדָה זָרָה צוּ דַאוֶוענֶען צוּ אַ טוֹיטֶע מֶענְטְשׁ, עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

וָואס בֶּעט מֶען? צוּ וֶועם בֶּעט מֶען? וִוי אַזוֹי בֶּעט מֶען? אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳

גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אִיז נִישְׁט קֵיין נַייעֶ זַאךְ, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְּלִים קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט דִי מְרַגְּלִים רֶעדְן קֶעגְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הָאט כָּלֵב בֶּן יְפוּנֶּה זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַז עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן קֵיין אַפִּיקוֹרֶס, נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (סוֹטָה לד:).

אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט (פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, דַף עא:), רֶבִּי יֵיסָא הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִזְקִיָּה: וִוי מֶעג מֶען גֵיין צוּ קְבָרִים מִתְפַּלֵל זַיין, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים יח, יא): ״וְדוֹרֵשׁ אֶל הַמֵּתִים״, מֶען טָאר נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי טוֹיטֶע! הָאט אִים רֶבִּי חִזְקִיָּה גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עַד כָּאן לָא חֲמֵיתָא גַּדְפָּא דְּצִפֳּרָא דְּעֵדֶן״, אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, וָואלְסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דִי קַשְׁיָא, ווַייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פְּשַׁט אִין פָּסוּק: ״וְדוֹרֵשׁ אֶל הַמֵּתִים״, דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צַדִיקִים, ״אֶל הַמֵּתִים דַּיְיקָא״, דָאס מֵיינְט מֶען דִי עֶכְטֶע טוֹיטֶע, ״דְּאִינּוּן חַיָּיבֵי עָלְמָא״, דָאס מֵיינְט מֶען דִי רְשָׁעִים, ״דְּאִינּוּן מֵעַמִּין עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה״, דִי וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, ״דְּאִשְׁתְּכָחוּ תָּדִיר מֵתִים״, וָואס בַּיים לֶעבְּן זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעוֶוען טוֹיט. ״אֲבָל יִשְׂרָאֵל דְּאִינּוּן זַכָּאֵי קְשׁוֹט״, אָבֶער גֵיין צוּ קִבְרֵי יִשְׂרָאֵל, הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער - ״שְׁלֹמֹה קָרָא עֲלַיְיהוּ״, אוֹיף זֵיי זָאגְט שׁוֹין שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ

(קֹהֶלֶת ד, ב): "וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הַמֵּתִים שֶׁכְּבָר מֵתוּ", אִיךְ טוּ אוֹיסְלוֹיבְּן דִי צַדִיקִים, "בִּזְמְנָא אָחֳרָא", וָואס הָאבְּן זִיךְ מֵמִית גְעוֶוען בַּתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלָא הַשְׁתָּא", נִישְׁט יֶעצְט זֶענֶען זֵיי טוֹיט, "שֶׁכְּבָר מֵתוּ", בַּיים לֶעבְּן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען טוֹיט, דוּרְךְ זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט, "וְהַשְׁתָּא אִינּוּן חַיִּין", יֶעצְט לֶעבְּן זֵיי נָאךְ; זָאגְט דֶער זוֹהַר דָארְט, אַז מֶען גֵייט צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים קֶען מֶען זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וַוייל "צַדִּיקָא, אַף עַל גַּב דְּאִתְפְּטָר מֵהַאי עָלְמָא", דִי צַדִיקִים אֲפִילוּ נָאךְ זֵייעֶר הִסְתַּלְקוּת, נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, "לָא אִסְתַּלָּק", גֵייעֶן זֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן אוּנְז, "וְלָא אִתְאֲבִיד מִכֻּלְּהוּ עָלְמִין", אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן אַזוֹי וִוי דִי אַנְדֶערֶע, "דְּהָא בְּכֻלְּהוּ עָלְמִין אִשְׁתְּכַח יַתִּיר מֵחַיּוֹי", נָאר זֵיי זֶענֶען מֶער דָא מִיט אוּנְז יֶעצְט וִוי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים לֶעבְּן.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוּן אִיז דָארְט מִתְפַּלֵּל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת, דָארְט בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים נֶעמְט מֶען אָן דִי תְּפִלּוֹת.

וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן - דָאס הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער; עֶס זֶענֶען דָא וָואס בֶּעטְן בַּיים צִיּוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דֶער צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס בֶּעטְן דֶעם צַדִיק אַלֵיינְס, וָואס אִיז נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זֹאת חֲנוּכָּה קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֹאת חֲנוּכָּה, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת; זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן, זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה, זָאג פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין קַבָּלָה אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, 'זֹאת' אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (הַקְדָּמַת תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דַּף יא:), דָאס אִיז דֶער נָאמֶען פוּן 'זֹאת חֲנוּכָּה', חֲנוּכָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה צוּ וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת, אַ הֶערְלִיכֶע קִיבּוּץ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן אִין דִי צַייטְן.

...

## אַ גוּטֶע קַבָּלָה אוּם זֹאת חֲנוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳**

הַיינְט אִיז זֹאת חֲנוּכָּה, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז מֶען קֶען הַיינְט פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת; זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה, זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר קַבָּלָה אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן, וֶועט אִיר זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

זַייט אַייךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע זַאךְ אִין צְנִיעוּת, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת - פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּב. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (דְבָרִים כג, טו): ״וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דוּרְךְ פְּרִיצוּת, דוּרְךְ זִיךְ נִישְׁט פִירְן אֵיידְל, דוּרְךְ גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל - פַארְטְרַייבְּט מֶען מִיךְ; דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אִין צְנִיעוּת, גֵיין אָנְגֶעטוּן שְׁטְרוּמְפּ וָואס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי דִי פִּיס, גֵיין אָנְגֶעטוּן קְלֵיידֶער וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעפַּאסְט אוֹיפְן קֶערְפֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן אִין חֵדֶר מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אִין חֵדֶר. דֶער מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, וֶוען עֶר בֶּעט דִיר זָאלְסְט קוּמֶען הֶעלְפְן אִין חֵדֶר - זָאגְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפּ, אוּן וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז אַ מְלַמֵד קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוּן מֶען דַארְף שְׁנֶעל אֵיינֶעם פַאר אַ בִּמְקוֹם, אַז מֶען בֶּעט דִיר קוּמְסְטוּ צוּ לוֹיפְן אוּן דוּ טוּסְט עֶס מִיט הַארְץ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - טוּסְטוּ דָאס מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

וֶוען דוּ הָאסְט אַ פְּרַאגֶע אִין חִינוּךְ - זָאלְסְטוּ דָאס דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל, דֶער מְנַהֵל וֶועט דִיר הֶעלְפְן מִיט דַיינֶע פְּרַאגֶעס.

הֵייב אָן דַיין טָאג מִיט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, לָאז עֶס נִישְׁט אוֹיף סוֹף טָאג, אָנְהֵייב טָאג גֵייט עֶס גֶעשְׁמַאק, מִיט אַ זְרִיזוּת, דִי מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן, אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע פִּינְטְל, אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט חֲנוּכָּה דַארְפְן מִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲנוּכָּה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אֱלֹקוּת, אֲפִילוּ דִי טֶבַע אִיז אוֹיךְ אֱלֹקוּת; דָאס אַז אוֹיל בְּרֶענְט אִיז נִישְׁט וַוייל אוֹיל בְּרֶענְט, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ; חֲנוּכָּה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי אֱמוּנָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, יֶעדֶע רִיר פוּן דִיר, יֶעדֶע פִּינְטְל - אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת מִיט פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים.

...

## זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר קֵיין אֵיין טָאג אוֹיף מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶּונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, עֶס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פָארֶעם נִישְׁט צוּ פַארְקְרִיכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד:), עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶּונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרַיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן; עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַיינְט דֶעם אִיד, עֶר ווִיל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד, אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דַאוֶּונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, אַזוֹי וֶועט עֶר אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר קֵיין אֵיין טָאג אוֹיף מִקְוֶה; הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט מִקְוֶה, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן נַיי גֶעבּוֹירְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, (דֶעם דִינְסְטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת - אִיז זַיין יָארְצַייט) הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין אִין מִקְוֶה - וֶועט אַלֶעס פַארְעֶכְטְן".

עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוַויי וָואכְן פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דִי דַאךְ פוּן דִי מִקְוֶה אִיז אַיינְגֶעפַאלְן אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז דִי מִקְוֶה אִיז גוּט, נָאר בַּיי דִי פָארְצִימֶער אִיז אַיינְגֶעפַאלְן דִי דַאךְ, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּם דַאוֶּונֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין אִין טַייךְ בּוּג, אוּנְטֶער דִי אַייז", עֶס אִיז גֶעוֶוען יֶענֶעם ווִינְטֶער שְׁרֶעקְלִיךְ קַאלְט, דִי טַייךְ

בּוּג אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעפְרוּירְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוִויזְן ווי עֶר וָואלְט וֶוען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין טַייךְ, אוּן יֶעצְט דַארְפְן מִיר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט גֵיין אִין אַ וַוארֶעמֶע מִקְוֶה. אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעמָאלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט גוֹי'אִישֶׁע פְרוֹיעֶן, הָאט עֶזְרָא זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן קוֹלֵי קוֹלוֹת (עֶזְרָא ט, ו): "בּשְׁתִּי וְנִכְלַמְתִּי לְהָרִים אֱלֹקַי פָּנַי אֵלֶיךָ", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן מַיין קָאפּ, אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט: "וַיַּעַן שְׁכַנְיָה בֶן יְחִיאֵל וְכוּ', אֲנַחְנוּ מָעַלְנוּ" וְכוּ', וְעַתָּה יֵשׁ מִקְוֶה לְיִשְׂרָאֵל", עֶס אִיז דָא אַ וֶועג דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אוּן דִי פָּסוּק כַאפְּט אָן אַ לָשׁוֹן פוּן מִקְוֶה, צוּ וַוייזְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אַז דוּרְךְ מִקְוֶה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ חוּמֶשׁ פַאר צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, פַארְן גֶעבְּן דַיין מַעֲשֵׂר אוּן חוּמֶשׁ פַאר דִי רֶענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה; מִיט דֶעם הָאסְטוּ אַ זְכוּת אִין אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס וֶוערְט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט דוּרְךְ דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן בִּזְכוּת דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה.

גֶעב אַ חוּמֶשׁ פוּן דַיינֶע רְוָוחִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפט), אַז מֶען גֶעבְּט אַ חוּמֶשׁ פַאר צְדָקָה אִיז מֶען מְקַיֵּים "וּבְכָל מְאֹדֶךָ"; דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעזָאגְט פַאר ר' דוֹב פוּן טְשֶׁערִין, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר

אִיז זֵייעֶר רַייךְ גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פוּן מַיינֶע פַּארְדִינְסְטְן אַ חוּמֶשׁ".

בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס מִיט וְכוּ', דוּ זָאלְסְט זֶען אַ יְשׁוּעָה אִין דָאס וָואס דוּ דַארְפְּסְט וְכוּ' וְכוּ'.

...

### צוּזַאמְנֶעמֶען דִי פְּרוֹיעֶן פוּן אֵיין יָארְגַאנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

חֲנוּכָּה אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אִין אַלֶע קְלַאסְן, סַיי אִין חֵדֶר אוּן סַיי אִין סְקוּל, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַייעֶרֶע זִין אוּן טֶעכְטֶער, אַלֶע שַׁיינֶען, אַלֶע זֶענֶען לִיכְטִיג קֵיין עַיִן הָרָע; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי וֶועט אִיר זֶען נָאךְ מֶער נִיסִים.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מְסַדֵּר זַיין אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם פַאר אַייעֶר יָארְגַאנְג וְכַדוֹמֶה? דִי קְהִילָה אִין שְׁטֶעטְל וֶוערְט נָאר גְרֶעסֶער אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם צוּ זִיצְן אַזוֹי סַאךְ אִינְאֵיינֶעם, עֶס אִיז מֶער הֵיימִישׁ, מֶער גֶעשְׁמַאק וֶוען עֶס אִיז צֶעטֵיילְט, וִוי קְלֶענֶער דֶער עוֹלָם - אַלְץ גְרֶעסֶער דִי שִׂמְחָה; אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען יְדִיעוֹת פוּן נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס וִוילְן זִיצְן מֶער מִיט זֵייעֶר יָארְגַאנְג, נִישְׁט מִיט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וְכוּ'.

לָאזְט מִיר וִויסְן.

...

## בַּאגְרִיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אֱלִימֶלֶךְ עֶגַאמִי נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְן הֶעלְפְן דֶעם שַׁמָּשׁ אִין שְׁטֶעטְל ר' יִשְׂרָאֵל פוּקְס נֵרוֹ יָאִיר מִיטְן רֵיינִיגְן דִי טִישְׁל וואו עֶס לִיגְט דִי קַאוֶוע אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז דָא קָאפְּס, קַאוֶוע, צוּקֶער אוּן מִילְךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים; אַ אִיד קוּמְט אִין שׁוּל הוּנְגֶערִיג, דָארְשְׁטִיג, אוּן מֶען גְרֵייט צוּ אַ גְלֶעזְל וַוארֶעמֶע טְרִינְקֶען, וַוארֶעמֶע קַאוֶוע, וַוארֶעמֶע טֵיי. מֶען וָואלְט וֶוען אוֹיךְ גֶעדַארְפְט לֵייגְן אַ מַאשִׁין מִיט קַאלְטֶע סֶעלְצֶער פַאר דִי וַוארֶעמֶע טֶעג, מְחַיֶ' זַיין וֶוער עֶס קוּמְט נָאר אַרֵיין אִין שׁוּל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גְרִיסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, גְרוּס דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר, גְרוּס דֶעם מְנַהֵל, גְרִיס דִי חֲבֵרִים, דִי בָּחוּרִים, אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ גְרִיסְן. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מִדָּה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, טו): "הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם", זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאגְרִיסְן; נִישְׁט וַוארְטְן יֶענֶער זָאל אָנְהֵייבְן, נָאר דוּ זָאלְסְט יֶענֶעם פֶּעדֶערְן אוּן בַּאגְרִיסְן. דִי מִשְׁנָה זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת", זָאלְסְט זַיין אַ וֶוייְדל פַארְן לֵייבּ, "וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לַשּׁוּעָלִים", אוּן נִישְׁט זַיין אַ קָאפּ פוּנֶעם פוּקְס. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר תּוֹרַת אָבוֹת): דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק מִשְׁנָה אִיז אַן עֵצָה צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן שְׁטֶענְדִיג בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינֶעם; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דִי נַאטוּר פוּנֶעם לֵייבּ, אַ לֵייבּ הָאט דִי נַאטוּר פוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג פוּן דִי חַיּוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ קֶענִיג, אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס הֶערְן וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיף מִיר, וָואס מֶען רֶעדְט הִינְטֶער מִיר, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, מֶען טוּט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, אוּן אַ פוּקְס הָאט אַ פַארְקֶערְטֶע נַאטוּר, דֶער פוּקְס דְרֵייט זִיךְ אַלְץ אוֹיס הֶערְן וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט, וָואס מֶען רֶעדְט; דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיין בַּאגְרִיסְן אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּטְן טָאג,

וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ? ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דָאס צוּ טוּן? "וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת", דוּרְךְ זַיין שְׁטַארק ווִי דֶער לֵייבּ נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, הָאבְּן זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט, "וְאַל תְּהִי רֹאשׁ לַשּׁוּעָלִים", אוּן נִישְׁט זַיין ווִי דֶער נַארִישֶׁער פוּקְס וָואס דְרֵייט זִיךְ אוֹיס קוּקְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט; ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאגְרִיסְט יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אוּן וֶוען מֶען עֶסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע פַארְן דַאוֶונֶען אוּן צוּבַּייסְן אַ שְׁטִיקְל שָׁאקָאלַאד; עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ, וַוייל אֲפִילוּ צוּ טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ בְּדִיעֲבֶד, וַוייל פַארְן דַאוֶוענֶען שְׁטֵייט זֵייעֶר הַארְבּ מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט טְרִינְקֶען; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעז), אֲפִילוּ וַואסֶער טְרִינְקְט עֶר נִישְׁט פַארְן דַאוֶוענֶען; אוּן מֶען רֶעדְט פוּן חֲצוֹת בִּיז נָאךְ שַׁחֲרִית, דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי חֲצוֹת אוּן אֲפִילוּ אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען אֲפִילוּ וַואסֶער; אִיז אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען מֵקִיל יָא צוּ טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיז אָבֶּער עֶסְן שָׁאקָאלַאד נִישְׁט כְּדַאי.

וּבְנוֹגֵעַ טְרִינְקֶען רֶע"ד בוּ"ל; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע, ווִי מֶעג מֶען טְרִינְקֶען אַ טְרוּנְק וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין הֶכְשֵׁר? נָאכְמֶער, עֶס הָאט גֶעהַאט אַ הֶכְשֵׁר אוּן מֶען הָאט עֶס אַרָאפְּגֶענוּמֶען, אִיז וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע? דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן מֶען מֶעג עֶס טְרִינְקֶען, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין הֶכְשֵׁר; 'מֶענְטְשְׁן זָאגְן' - אִיז נִישְׁט קֵיין הֶכְשֵׁר.

הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים;

זִינְג דִי קַאפִּיטְלֶעךְ מִיט אַ נִיגוּן אוּן פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אִין אִידִישׁ.

...

## דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועזְן וֶוען דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעבְּלֶעט; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט אַז מֶען הָאט אַפָּאר מִינוּט מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָן דִי סְטֶעטוּס וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען וֶוערְט אַ בֶּן חוֹרִין, אַ פְרַייעֶר מֶענְטְשׁ, דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן אַזוֹי אַלֶעס.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף אַ טָאג אָן תּוֹרָה, אָן חוּמָשׁ, אָן מִשְׁנַיוֹת, אָן גְמָרָא אוּן תְּהִלִּים. מַאךְ זִיךְ אַ הוֹיפְן סְפָרִים אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְן אַבִּיסְל, דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין, זִי וֶועט וֵויינֶען פוּן שִׂמְחָה צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט.

אִיךְ בִּין זִיכֶער, אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין פוּן טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע אֵייגֶענֶע הוֹיז.

...

## יֶעדֶער ווִיל פְרֶעגְן נָאר אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַארְפְּסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיךְ שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוֹיךְ אִין זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי נִישְׁט גוּט דַארְף מֶען זוּכְן דָאס גוּטְס, וַוייל וֶוען

מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְּן מִיט נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אָפִּיצִיעֶל אִיז גְרִינְגֶער אַרַיינְצוּקוּמֶען ווִי צוּצוּקוּמֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר וְכַדוֹמֶה. אַז אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל אוּן אַלֶע ווִילְן פְרֶעגְן נָאר אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ, ווַייל ווִיפִיל אִיז צֶען מָאל נָאר דְרַיי מִינוּט? אוּן אַז עֶס וֶוערְט פִינְף מִינוּט? אוּן אַז עֶס אִיז צְוָואנְצִיג מֶענְטְשְׁן? דְרַייסִיג? פוּפְצִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳? עֶנְדֶערְשׁ שְׁמוּעֶס אָפּ מִיטְן מַגִּיד שִׁיעוּר יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר וֶוען דוּ ווִילְסְט קוּמֶען רֶעדְן, עֶר וֶועט דִיר מַאכְן צַייט וֶוען צוּ קוּמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין ווַייבּ, אַ שָׁאד אִיבֶּערְצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן צוּלִיבּ דִי זַאכְן. מוֹהַרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט: ״זָאל דֶער רֶבִּי מִיךְ הַאקְן מִיט אַ דְרָאנְג וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן״, אוּן וֶוען מוֹהַרְנַ״ת אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן נָאכְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב, נָאכְדֶעם וָואס זַיין טַאטֶע אוּן ווַייבּ הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן בַּיים קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס ווִילְסְטוּ? קוּם נִישְׁט יֶעצְט! פָאר אַהֵיים, וְכוּ׳״, הָאט מוֹהַרְנַ״ת נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פַאר אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ אִים גֶעוֵויינְט, אִים גֶעבֶּעטְן - בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט צוּ אִים גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, ווִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אָן דֶעם רֶבִּי׳ן? וָואס הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעגֶעבְּן? וָואס גֶעבְּט מִיר דֶער רֶבִּי יֶעצְט? וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, יֶעדֶע מָאל אִיךְ קוּם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אַלֶע ווִילְן נָאר פְרֶעגְן אֵיין קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה, אוּן אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג צוּם חֵדֶר, סְקוּל, יְשִׁיבָה וְכוּ׳, דַארְף אִיךְ מַאכְן מִיט דִי הֶענְט נִישְׁט יֶעצְט, אָבֶּער דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ צוּלִיבּ דֶעם.

הָאסְט אַ טַייעֶרֶע ווַייבּ, דַארְפְסְט אִיר שְׁטַארְקְן, דַארְפְסְט אִיר פַארְשְׁטֵיין; זִי הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַבִּי צוּ קוּמֶען מִיט דִיר צוּם רֶבִּי׳ן צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער. אִיר מִשְׁפָּחָה אִיז אִיר נִישְׁט גוֹרֵס, אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס הָאט זִי

שוֹין נִישְׁט, זִי אִיז אַלֵיין אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִיר, מִיט דִי קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, זָאלְסְט אִיר מְחַזֵק זַיין, אוּן הַלְוַואי וָואלְסְטוּ גֶעקוּמֶען מִיט אִיר מִפַּעַם לְפַעַם רֶעדְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

### נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ קוּקְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֲפִילוּ דוּ קוּקְסְט וָואס דוּ קוּקְסְט, אָבֶּער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט וַוייזְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער צוּ קוּקְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, טוּ עֶס נִישְׁט; פָאלְג מִיךְ, אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי טוּמְאָה, פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי זֻהֲמָה פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת. זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר הֶעלְפְן; וַוייל אֲפִילוּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אֲפִילוּ אִין דִי דְיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה - גֵייט דִי תּוֹרָה דָארְט אַרָאפּ אוּן שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דָארְט.

הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן; וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּגְרוּנְד לֵייגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּב? עֶס אִיז גֶענוּג שְׁוֶוער דָאס לֶעבְן אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן, אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, דִי קִינְדֶער גֵייעְן שוֹין אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אָן דֶעם, וָואס דַארְף מֶען זֵיי יוּנְגֶערְהֵייט גֶעבְּן דִי בִּיטֶערֶע טַעַם פוּן קוּקְן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן פַאר דִי סְעוּדַת יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג נאכְט פַּרְשַׁת וַיְחִי וֶועט פָּארְקוּמֶען דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רֶבִּי נָתָן זָכָר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן מִיר ווילְן מַאכְן אִין אַלֶע שוּלְן אִין אַלֶע שְׁטֶעט אַ סְעוּדָה; מִיר ווִילְן וויסְן וֶוער עֶס ווִיל הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דִי סְעוּדָה, עֶפֶּעס קָאכְן, עֶפֶּעס בַּאקְן, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר דִי מִשְׁפָּחָה; בִּיטֶע זִיךְ מֶעלְדְן יֶעדֶער אֵיינֶער צוּ דִי גַבָּאִים פוּן זֵייעֶר שְׁטָאט.

אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְן אוּן וָואס מִיר וֵוייסְן - אִיז אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע): "מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, ווַייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְן אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת פוּן מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי נִישְׁט אִין קְיאַסְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נִישְׁט אִין קְיאַסְק, מֶען קֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט גֵיין. בִּכְלַל ווִיל אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן דִיר כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט מִיט דִיר.

שְׁרַייבּ מִיר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ טְשַׁארְט פוּן דִי וָואךְ אוֹיבּ דוּ הָאסְט יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַן זַיין לְכַף זְכוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וַיִּזְרַח**

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!

דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אַז דֶער מְנַהֵל אִיז דִיר נִישְׁט דַן לְכַף זְכוּת וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בִּיסְטוּ אִים נִישְׁט דַן לְכַף זְכוּת... דוּ וֵוייסְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַ מְנַהֵל? דוּ וֵוייסְט אַז יֶעדֶע רֶגַע גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁטַארְקֶע דְרִיק וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַז דוּ וֶועסְט אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת וֶועט עֶר דִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ וַוייטֶער הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, בְּלַייבּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן דֶעם מַאן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ פְרוֹי הָאט אַ פְלִיכְט צוּ אַרְבֶּעטְן - אִיז דִי עֶנְטְפֶער נֵיין; דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט אַ פְלִיכְט צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִיז דִי פְלִיכְט וָואס דֶער מַאן הָאט; אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן חַוָּה הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן בְּרֶענְגֶען אוּן עֶרְצִיעֶן קִינְדֶער, אָבֶּער אַז דִי פְרוֹי ווִיל הֶעלְפְן אִיר מַאן אוֹיךְ מִיט דֶעם, זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶעקְן - אִיז דָאס חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דִי פַּרְנָסָה אִיז יֶעצְט אַבִּיסְל בְּצִמְצוּם אִיז גוּט אַז אִיר הֶעלְפְט אַרוֹיס אַייעֶר מַאן שְׁפַּייזְן דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט; אַרְבֶּעטְן צוּ אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער - הָאט נִישְׁט קֵיין פְּשַׁט.

זַייט פְרֵיילִיךְ, זִינְגְט אוּן טַאנְצְט נִגּוּנֵי שִׂמְחָה וֶאֱמוּנָה, וֶועט אִיר זֶען יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הוֹיפֶּעגֶעס חִיזוּק צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז לֶעצְטְנְס וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, דוּ הֶערְסְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶס רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִיר, דוּ לֵיינְסְט דִי בְּרִיוְון אוּן דוּ זֶעסְט גָארְנִישְׁט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶרְשְׁט יֶעצְט דַארְפְסְטוּ אָנְהֵייבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וַוייל וֶוער דֶען אַזוֹי ווִי דִיר דַארְף חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה? וֶוער דֶען אוֹיבּ נִישְׁט דוּ דַארְף יֶעצְט הוֹיפֶּעגֶעס חִיזוּק צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן?

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ, טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג יֶעדְן טָאג, צִינְד אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, אוּן טַאנְץ זִיךְ אוֹיס, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סַכָּנָה ווִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען קֶען אַלֶעס הָאבְּן אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נִישְׁט לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶער פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ דַארְף גָארְנִישְׁט הָאבְּן וַוייל עֶר הָאט אַלֶעס.

זָאג יֶעדְן טָאג דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

...

## מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ הָאבְּן אַ מוֹרֶא דֶרֶךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַז עֶנְק זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען קֵיינְמָאל רֶעדְן, פְּרֶעגְן וְכוּ', אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז דָא צוּ קוּמֶען רֶעדְן, פְּרֶעגְן, דוּ וֵוייסְט אַלֶעס אַלֵיינְס; דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס אִיז רִיכְטִיג.

עֶס אִיז יָא רִיכְטִיג צוּ גֵיין פְּרֶעגְן, רֶעדְן, זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען וְכוּ'; אוּן נָאךְ מֶער אִיז דָאס וִויכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל אַז דוּ פַאר דִיר וֵוייסְט אַלֵיינְס וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶוער זָאגְט אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ אַלֶעס וִויסְן? אֶפְשָׁר וֶועט זַיין אֵיינֶער פוּן זֵיי וָואס וֶועלְן יָא דַארְפְן פְּרֶעגְן? אַזוֹי וִוי דַיינֶע בְּרִידֶער וָואס אַלֶע פוּן זֵיי גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ אָן קֵיין פְּרַאגֶעס, אוּן אַז זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען גֵייט צוּ אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ פְּרֶעגְן, אַז זֵיי וֶועלְן הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַז אַלֶעס פְּרֶעגְט מֶען וֶועט זֵיי זַיין גְרִינְגֶער דָאס גֵיין פְּרֶעגְן אוּן דָאס נָאכְגֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן, אַז דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש קֶענֶען וֵויינִיגֶער מְקַבֵּל זַיין וִוי דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי פְּרֶעמְד; וַוייל וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים צוּקָאכְט אוּן צוּפַייעֶרְט "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין בִּצְנִיעוּת", "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער"; דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֵוייסְן אַלֶעס אַלֵיין - בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער אַן אוּמְדִירֶעקְטֶע גֶעפִיל אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל מִיר זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש וְכוּ'.

הַכְּלָל, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלֶעס מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, זֵיי זָאגְן אוּן חַזֶר'ן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן זֵיי צוּ לֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיין, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַלֵיין, אוּן זֵיי הֶעלְפְן פְּרֶעגְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ לֵיינְסְט נִישְׁט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", דִי בְּרִיוּו זֶענֶען אַיין שְׁטִיק הִתְחַזְּקוּת אוֹיף אֱמוּנָה, שִׂמְחָה, הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אַ שָׁאד, וָואלְסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע חִיזּוּק, דִי טָאג וָואלְט דִיר גָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעוֶוען, בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; דִי עֶלְטֶערְן שִׁיקְן דָא וַוייל זֵיי ווִילְן דִי מְלַמְּדִים זָאלְן מַשְׁפִּיעַ זַיין פוּן רֶבִּי'ן, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין - דָאס קוּמְט אַרוֹיס.

אִיךְ זֶע אַז מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְאַלְץ דַארְף מֶען הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

בְּרוּדֶער זִיסֶער, בְּרוּדֶער הַארְצִיגֶער, בַּאנַיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, לֶערְן דָאס, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ זִיסְקֵייט, זָאג עֶס הוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט עֶס דֶערְהֶערְן, וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, וַוייל מִיטְן צַדִּיק אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, צוּקֶערְדִיג אוּן הָאנִיגְדִיג.

...

## לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן שׁוֹבָבִי"ם גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער זוּן... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ אוּן מַאמִי זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִיר, פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת, פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דַיינֶע מִידוֹת טוֹבוֹת. בַּאזוּנְדֶער זֶענֶען מִיר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי שְׁטוּב שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל מִיט מַאמִי

מִיט עַמְרָם, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, מִיט אַחְרַיוּת, וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז אַסַאךְ עֶלְטֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין, נָאךְ אַ וָואךְ גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דֶער אַרִיזַ"ל הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אַז סְפֶּעצִיעֶל זֶענֶען דִי וָואכְן מְסוּגָל צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ; אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט טוּן דִי סְגוּלָה פַאר אַ שִׁידוּךְ אוּן פַאר תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים.

עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַז מֶען טוּט דָאס פַארְטָאגְס; זָאלְסְטוּ זִיךְ מְסַדֵר זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט צְוֵויי אָדֶער דְרַיי שָׁעָה.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּרִים קְבוּעִים פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה - חַ"י פְּרָקִים, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְכוּ'.

...

## אַדְוֶוערְטֵייזְמֶענְט בְּרֶענְגְט עַיִן הָרָע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט מְפַרְסֵם זַיין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן צוּ בַּאקוּמֶען קָאסְטוּמֶערְס, אָבֶער דִי נַייעֶ וֶועג פוּן וָואס אֵיינֶער קוּמְט אַרָאפּ, כַאפְּט אַ וִוידִיאוֹ פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת אוּן מַאכְט אִים גְרוֹיס אוּן שֵׁיין - דָאס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן, דָאס קֶען שָׁאטְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ פֶעלֶער וָואס מֶען הָאט שָׁאדְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ פוּן עַיִן הָרָע, מֶענְטְשְׁן קוּקְן וִוי מֶען רֶעדְט, מֶען בְּלָאזְט פוּן זִיךְ, מֶען מַאכְט עֶס אוֹיסְקוּקְן וִוי מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט עַיִן הָרָע. אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא קז:) אַז נַיין אוּן נַיינְצִיג

פְּרָאצֶענְט פוּן צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז פוּן עַיִן הָרָע, אוּן נָאר אֵיין פְּרָאצֶענְט אִיז נַאטוּרְלִיךְ.

בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי סָארְט פִּרְסֹמֶת (אַדְוֶועְרְטַייזְמֶענְט), קֶענְסְט נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן זָאל רֶעדְן פַאר דַיינֶע פְּרָאדוּקְטְן, אָבֶּער דוּ שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט, בְּלַייבּ בַּאשֵׁיידְן, בְּלַייבּ שְׁטִיל, מֶען דַארְף נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי אוֹיגְן פוּן אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וֶועט עֶס דִיר נִישְׁט שָׁאטְן.

טוּ נִישְׁט אוֹיס דַיין טַלִית וּתְפִילִין אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן בַּיי קַאפִּיטְל ע"ז, בַּיי דִי וֶוערְטֶער "קוֹלִי אֶל אֱלֹקִים", זָאלְסְטוּ מְכַוֵון זַיין דִי שֵׁמוֹת מִיט דִי מִלּוּי כָּזֶה: "אַלֶ"ף לַמֶ"ד, אַלֶ"ף לַמֶ"ד הֵ"י יוּ"ד מֶ"ם", אַזוֹי וִוי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן רה).

...

## שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, מַיין אֵיידֶעם הָרַב נְתַנְאֵל שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעהַאט אַ מֵיידְל לְמַזָל טוֹב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שִׂמְחוֹת בַּיי אוּנְז אַלֶע.

מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן וַוייל וִוי מֶער מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט זֵיי וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן עֶרְגֶער, דִי עֵצָה אִיז טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן, טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְטְן פוּן צַדִיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רלג): "הַכְּלָל שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּפַעַם אֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶען זָאל טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, "עַל כֵּן בְּקַל יְכוֹלִין לְגָרֵשׁ מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת רַק בְּשֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לַחֲשֹׁב אוֹתוֹ הַמַּחֲשָׁבָה, רַק לַחֲשֹׁב אֵיזֶה מַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת בְּתוֹרָה אוֹ עֲבוֹדָה, אוֹ אֲפִלּוּ מַשָּׂא וּמַתָּן, כִּי אִי אֶפְשָׁר

שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּשׁוּם אֹפֶן", מִמֵּילָא אִיז זֵייעֶר גְרִינְג נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן קֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט פוּן תּוֹרָה תְּפִלָּה אָדֶער אֲפִילוּ פוּן בִּיזְנֶעס, אַזוֹי גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמֶען דִי מַחְשָׁבוֹת אוּן דוּ דַארְפְּסְט פוּנְדָאסְנַיי אָנְהֵייבְּן מִיט דִי מִלְחָמָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ פַארְגֶענִיגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זֶען וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט זֵיי. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זֶען וִוי מֶען וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל הָאָדָם מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם, יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה, וְהוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת אוּן אִיז זֵיי מְנַצֵּחַ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ פוּן אִים, "כְּמָשָׁל שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים, לִפְעָמִים בְּיוֹמָא דְּפַגְרָא הֵם מַנִּיחִין כַּמָּה חַיּוֹת שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְהֵם עוֹמְדִים וּמִסְתַּכְּלִים, וְיֵשׁ לָהֶם תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִן הַנִּצָּחוֹן", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא בַּיי דִי קֶענִיגְן, אִין גֶעוִויסֶע טֶעג בְּרֶענְגֶען זֵיי חַיּוֹת זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן וֶוער עֶס גֵייט מְנַצֵּחַ זַיין, זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג וֶוען דִי חַיּוֹת זֶענֶען מְנַצֵּחַ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, "כְּמוֹ כֵן מַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת הֵם חַיּוֹת טְהוֹרוֹת וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם חַיּוֹת טְמֵאוֹת", אַזוֹי אִיז מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי מַחְשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי וִוי חַיּוֹת, גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָהוֹר'עֶ חַיּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי טָמֵא'נֶע חַיּוֹת, "וּמַנִּיחִים בְּכַוָּנָה מִלְּמַעְלָה שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה", מֶען בְּרֶענְגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן אוֹיבְן זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, "וְיֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר עַל הַחַיּוֹת טְמֵאוֹת וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זֵיי.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִּׁי שִׁיעוּר, קוּם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְן לֶעפְל מוּסָר, בַּאגִיס זֵיי מִיט אַ שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם בָּחוּר וְכוּ׳, עֶרְשְׁטְנְ׳ס עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי זִיכֶער אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז בִּכְלַל וָואר, צוּמָאל קֶען אַ בָּחוּר מַאכְן אַ פַאלְשֶׁע מַעֲשֶׂה אוֹיף זַיינְ׳ס אַ חַבֶר אִין יְשִׁיבָה צוּלִיבּ קִנְאָה. אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, מִיט יָארְן צוּרִיק, וֶוען מוֹהֲרַ״אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, הָאבּ אִיךְ פַּארְשִׁיקְט אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, נָאכְדֶעם וָואס אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען בַּאקְלָאגְן, מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אוֹיף יֶענֶעם בָּחוּר, אַז עֶר הָאט אִים בַּאצְוִוינְגֶען אוּן גֶעטוּן מִיט אִים מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט אִים גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס אוּן גֶעטוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ פַּארְשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר, נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל מָאל פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ וִוי עֶר וָוארְנְט מִיךְ אַז אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִין יְשִׁיבָה זָאלְן נִישְׁט זַיין בָּחוּרִים וָואס לוֹיפְן נָאךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וְכוּ׳.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וִוי שְׁטַארְק מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען וֶועט שׁוֹין זַיין לֵיל שִׁישִׁי אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען נָאכְאַמָאל זִיצְן אוּן הֶערְן אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ; דָאס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פָּשׁוּט לֶעבְּן אוּן כֹּחַ פַאר נָאךְ אַ וָואךְ. אוּן דִי וָואכְן וָואס מוֹהֲרַ״אשׁ אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי, אִיז אוּנְז מַמָּשׁ גֶעוֶוען טִינְקֶל אִין דִי אוֹיגְן.

נָאכְן שִׁיעוּר וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מוֹהֲרַ״אשׁ, פְרֶעגְט מִיךְ מוֹהֲרַ״אשׁ: ״פַארְוָואס הָאסְטוּ פַארְשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר?״ הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר

מוֹהֲרָא"ש דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער אַנְדֶערֶער בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אוּן וִוי עֶר הָאט גֶעוֵוינְט מִיט טְרֶערְן אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דֶער בָּחוּר בַּאצְוִוינְגְט אִים צוּ טוּן מִיט אִים עֲבֵירוֹת. מוֹהֲרָא"ש קוּקְט אוֹיף מִיר אוּן פְרֶעגְט מִיר: "בִּיסְטוּ זִיכֶער אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֱמֶת?" מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר: "נִישְׁט יֶעדֶע מָאל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה - אִיז דָאס וָואר"; מֶער פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ צוּרִיק גֶענוּמֶען דֶעם בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, אוּן גֶעגְלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֵּיידֶע בָּחוּרִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

דָאס זֶעלְבֶּע פְרֶעג אִיךְ דִיר: "בִּיסְטוּ זִיכֶער אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֱמֶת? נִישְׁט יֶעדֶע מָאל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיז דָאס וָואר".

צְוֵוייטְנְס, אֲפִילוּ עֶס זָאל יָא זַיין אֱמֶת דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן בָּחוּר ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיפְזוּכְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן צוּ קוּקְן, דַארְפְסְטוּ - אַלְס מְחַנֵךְ - אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים קֶענֶען מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

רֶעד צוּ דַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, גֶעבּ זֵיי אַ לֶעפְל מוּסָר אוּן נָאכְן גֶעבְּן דֶעם לֶעפְל מוּסָר בַּאגִיס זֵיי מִיט אַ שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען קֶען נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּרְךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. וַוייל מוֹהֲרְנַ"ת הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אִים אָנְגִיסְן מִיט אַ שִׁיסְל חִיזוּק", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר וִוּיכְטִיג פַאר מְחַנְכִים; סַיי מְלַמְדִים, מַגִידֵי שִׁיעוּרִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֲלִים, מְנַהֶלֶת; וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ לֶעפְל מוּסָר פַאר אַ תַּלְמִיד, אַ תַּלְמִידָה, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען פוּן מוֹהַרְנַ"ת, אָנְצוּגְרֵייטְן אַ שִׁיסְל חִיזוּק מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּ גִיסְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הַאלְט אִין אֵיין צֶעקְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶערְלִיךְ, עֶר מַאכְט אִים שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט לִיבּ, סְפֶּעצִיעֶל, גֵייעֶן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים אַרִיבֶּער דִי סָארְט גֶעפִילְן, זֵיי שְׁלָאגְן אוּן הַאקְן זֵייעֶר נֶפֶשׁ אַז 'פוּן מִיר וֶועט

שׁוֹין סַיי וִוי גָארְנִישְׁט זַיין, אַ צַדִיק וֶועל אִיךְ שׁוֹין זִיכֶער נִישְׁט זַיין, צוּלִיב מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן׳.

טַייעֶרְער לִיבֶּער ..., דָאס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו וְכוּ׳ וְכוּ׳, גֶעדֶענְקְזְשֶׁע וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט, אַז דִי זֶעלְבֶּע מַחְשָׁבָה וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף אַ תַּלְמִיד, אַז עֶר דַארְף דִיךְ נִישְׁט, עֶר אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר אוּן עֶר פִירְט מִיט דִיר אַ רוּגְזָה, דִי זֶעלְבֶּע קַטְנוּת הַדַעַת הָאט דֶער תַּלְמִיד, עֶר טְרַאכְט דָאס זֶעלְבִּיגֶע, אַז ׳דֶער מַגִיד שִׁיעוּר הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר פִירְט מִיט מִיר אַ רוּגְזָה׳; וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי, דֶער תַּלְמִיד שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אוֹיף אַ גוּט וָוארְט פוּן דִיר, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּלִיכֶע שְׁמֵייכְל, אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען צוּלִיב דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט בְּקַטְנוּת הַדַעַת.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע ווינְקֶעלֶע, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין בְּגַדְלוּת הַמוֹחִין, אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ זָאל זֵיי אַלֶע לִיבּ הָאבְּן, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט גְלֵייבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מִיר אוֹיף זֵיי שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן בַּיי זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן וֶוען אִיךְ זֶע וִוי אַ תַּלְמִיד בְּלָאזְט אוֹיף מִיר, זָאל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט וַוייל עֶר אִיז מִיךְ נִישְׁט גוֹרֵס, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף פוּן מִיר מֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט פוּן אַנְדֶערֶע".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט.

לֵייג אַוֶועק דִי בְּרִיוו וַוייל דוּ וֶועסְט דַארְפְן דִי בְּרִיוו לְיָמִים הַבָּאִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיין מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וַוארְף אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת אוּן גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הֶערְן קֵיין דְרָשׁוֹת פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, הַיינְטִיגֶע טֶעג מִיט דִי אִינְטֶערְנֶעט קֶען מֶען אַוֶועק פַאלְן מִיט אֵיין אוֹיגְן בְּלִיק דוּרְךְ אוֹיסְהֶערְן דְרָשׁוֹת פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים. הֶער אוֹיס נָאר דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן פִיר זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאגְט תְּהִלִים אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים פַאנְגֶען חַיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר דָארְפְסְמַאן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרִים זֶענֶען זִיךְ צוּלָאפְן אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קֶענִיג אַלֵיין, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ הוֹיז וואוּ עֶס הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר דָארְפְסְמַאן, דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִיז אוּן אִים גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נֶעבְּן דֶעם אוֹיבְן וְכוּ׳, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען מִיט דֶעם בֶּעט וָואס דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז מַמָּשׁ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאק וִוי עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט בַּיי דֶעם פָּשׁוּטְ׳ן דָארְפְסְמַאן.

וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגְעֶנֶען זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען זוּכְן דֶעם קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן שְׁלָאפְן בַּיים דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּבּ, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם קֶענִיג הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: ״וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר, יֶעדֶער פוּן אַייךְ אִיז גֶעלָאפְן זוּכְן שׁוּץ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ בִּין

גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי אִים אִין שְׁטוּב אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, וֶועט עֶר מִיךְ אַהֵיים טְרָאגְן צוּם פְּלַאץ אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְטוּן מַיין קְרוֹין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן פַייעֶר, נָאר אַ מַבּוּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס וֶועט אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֶׁר'עֶ הֶערְצֶער אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר דִי פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קְרוֹין פַאר מָשִׁיחַ" (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתל"ד).

מָארְגְן נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען צוּ מַאכְן אַ יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד מוֹהַרְנַ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

## מִיט מִקְוֶה פַארֶעכְט מֶען אַלֶעס

"מֶען דַארְף זֶען עֶפֶּעס צוּ טוּן, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן אַז רֶבִּי נָתָן זָאל גֵיין זִיךְ טוֹבֵל'ן יֶעצְט ווִינְטֶער אִין דִי אַייזִיגֶע טַייךְ, סְפֶּעצִיעֶל דִי יָאר, שְׁנַת תר"ה, וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְרָאסְט אִין אוּקְרֵיינֶע, עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא קַאלְטֶע ווִינְטֶער, אוּן אוּנְזֶער רֶבִּי רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז פִינְף אוּן זֶעכְצִיג יָאר, אוּן עֶר פְּלַאנְט צוּ גֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין טַייךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶעוֶוען אִיז דִי מַעֲשֶׂה צְוֵוי וָואכְן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶס אַז דִי דַאךְ פוּן דִי מִקְוֶה אִיז אַיינְגֶעפַאלְן, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב גֶעשְׁמוּעֶסְט: "וָואס וֶועט מֶען טוּן מָארְגְן, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי? מֶען וֶועט נִישְׁט



דוּרְךְ מְקַוֶּה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

קֶענֶען נִיצְן דִי מִקְוֶה״, און דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֵייט נִישְׁט מְתַּתֵּר זַיין אוֹיף זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז גְרֵייט אֲפִילוּ צוּ גֵיין אִין דִי אַייזִיגֶע טַייךְ.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז דִי דַאךְ אִיז אַיינְגֶעפַאלְן נָאר אִין דִי פָאדֶערְשְׁטֶע צִימֶער, און מֶען קֶען יָא נִיצְן דִי וַוארֶעמֶע מִקְוֶה. דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשְׁן הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט מִיט דִי בִּיטֶערְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תִּקְוָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר אֵיידְל; אִין מִקְוֶה רֶעדְט מֶען נִישְׁט, און אִין מִקְוֶה קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מֶען דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ דִי וַואנְט, און אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אוֹיס און אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אָן.

אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן טַאנְצְן: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס גֵייט פַאר אוּנְז און בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

# מהדורת מזרחי

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר **עלי מזרחי** הי"ו

וזוגתו **לאה** תחי'

**לזכות בנם הנולד להם למזל טוב**

יה"ר שהוריו יזכו להכניסו בבריתו של אברהם
אבינו עליו השלום בעתו ובזמנו, וירוו ממנו ומכל
יוצא חלציהם, רב נחת ותענוג דקדושה.

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון